טייערע איינוואוינער,

 ניו יארק סיטי האוזינג אוטאריטי (New York City Housing Authority, NYCHA) האט פשוט'ער געמאכט איר [רענט הארדשיפ פאליסי (Rent Hardship Policy)] עס צו מאכן גרינגער ווי אייביג פאר איך צו נידערן אייער רענט דורכאויס די COVID-19 קריזיס.

**<u>ווער קען זיך איינגעבן פאר רענט הארדשיפ?</u>**

אויב אייערע ארבעטס שעות זענען געשניטן געווארן, אדער אויב האט איר פארלוירן אייער ארבעט, ביטע פילט תיכף אויס אן צייטווייליגע ריסערטיפיקאציע (Interim Recertification) אפליקאציע.

אלץ א פובליק האוזינג איינוואוינער, וועט אייער רענט אלעמאל זיין 30 פראצענט פון אייער הויזגעזונד אינקאם.
**אויב האט איר גארנישט קיין אינקאם יעצט, וועט אייער רענט זיין <u>זערא</u>.**

**עס איז נישט דא <u>קיין שום</u>ווארטן פעריאד צו באריכטן אז איר האט פארלוירן אייער אינקאם פאר NYCHA. ביטע לייגט עס נישט אפ.**
די געווענליכע צוויי-מאנאטן ווארטן פעריאד וואס איז נארמאל פארלאנגט פאר אן צייטווייליגע ריסערטיפיקאציע איז געווארן סוספענדירט.

**<u>וואס איר דארפט האבן זיך איינצוגעבן פאר רענט הארדשיפ</u>**

ביז א קומענדיגע מעלדונג, קענען NYCHA איינוואוינער **זעלבסט-באשטעטיגן** זייער אינקאם פארלוסט. דאס מיינט אז **שטיצנדע דאקומענטן** אזויווי פעי סטאבס, א בריוו פון אייער ארבעטסגעבער, און/אדער באשטעטיגונג פון ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן, וואס ווערט געווענליך פארלאנגט ווען מען גיבט איין פאר צייטווייליגע ריסערטיפיקאציע, **ווערן נישט פארלאנגט איין די יעצטיגע מצב.**

מיר וועלן אבער נאך אלץ אננעמען די דאקומענטן אויב איר האט עס. מיר וועלן אויך אננעמען א האנט-געשריבענע בריוו פון אייער ארבעטסגעבער און/אדער אימעילס, ווי אויך א טעלעפאן קאל פון אייער פאריגע אדער יעצטיגע אויפזעער, אלס באשטעטיגונג פון אייער פארלוסט פון אינקאם. אבער, אויב האט איר נישט יעצט עוועילעבל קיין איינע פון די זאכן, קענט איר עס צושטעלן פאר NYCHA אין א געלעגענהייט שפעטער.

מיט אדער אן די דאקומענטן, קענט איר **זעלבסט-סערטיפיי'ען** אייער פארלוסט פון אינקאם, ארייינשיקן אייער אפליקאציע, און באקומען א רעדוקציע אויף אייער רענט.

**<u>וויאזוי זיך איינצוגעבן פאר רענט הארדשיפ</u>**

פאר אייער באקוועמליכקייט, איז דא **דריי פארשידענע וועגן** וויאזוי איר קענט זיך איינצוגעבן פאר אן **צייטווייליגע ריסערטיפיקאציע**.

- באזוכט NYCHA'ס סעלף-סערוויס פארטעל אויף [selfserve.nycha.info]

- רופט NYCHA'ס קאסטומער קאנטאקט צענטער (Customer Contact Center, CCC) אויף
- 718-707-7771 (אפציע 5)

- פארבינדט אייך מיט אייער פראפערטי מענעדזשמענט אפיס צו פארלאנגען א פאפירענע אפליקאציע, וואס וועט ווערן געשיקט צו אייך אויף די פאסט

## 1) NYCHA **זעלבסט-סערוויס פארטעל (Self-Service Portal)**

צו נוצן די NYCHA זעלבסט-סערוויס פארטעל איז די שנעלסטע און גרינגסטע וועג זיך איינצוגעבן פאר רענט הארדשיפ.

מיר האבן געמאכט די אנליין פארם פשוט'ער צו פארשטיין. יעצט איז **__בלויז__ פארהאן 6 שטאפלען** צו רעדוצירן אייער רענט. קוקט אויף __דעם וועגווייזער__ וואס ציגט אייך דעם טריט-ביי-טריט פראצעדור.

**שטאפל 1:** גייט צו **selfserve.nycha.info**
**שטאפל 2:** אידענטיפיצירט דעם מענטש אין די הויזגעזונד וואס האט פארלוירן אינקאם.
**שטאפל 3:** גיבט אן די דאטומען פון אנעמפלוימענט פאר די דזשאב וואו אינקאם איז געווארן פארמינערט אדער פארלוירן; די פריערדיגע געהאלט; די יעצטיגע געהאלט, אויב אינקאם איז געווארן פארמינערט.
**שטאפל 4:** גיבט אן וועלכע סארט אינקאם איז געווארן פארלוירן אדער פארמינערט.
**שטאפל 5:** פאטאגראפירט און שטעלט ארויף דאקומענטן (אויב עווענטועל).
**שטאפל 6:** זעלבסט-סערטיפייט און שיקט אריין.

די אנליין אפליקאציע נוצט Google Translate צו קענען אויספילן די אפליקאציע אין איבער 100 שפראכן.

## 2) **רופט די קאסטומער קאנטאקט צענטער אויף 718-707-7771 (אפציע 5)**

איינוואוינער קענען יעצט רופן די קאסטומער קאנטאקט צענטער אויף 718-707-7771 (אפציע 5) צו אריינגעבן די אפליקאציע דורכ'ן טעלעפאן. א NYCHA קאסטומער סערוויס פארשטייער וועט דורכגיין מיט אייך עטליכע קורצע פראגן; איר קענט **זעלבסט-סערטיפיי'ען די פארלוסט פון אייער אינקאם** און אריינגעבן די צייטווייליגע ריסערטיפיקאציע אפליקאציע דורכן טעלעפאן.

איינוואוינער וואס פארלאנגען איבערזעצונג סערוויסעס וועלן גלייכצייטיג ווערן פארבינדען מיט די שפראך העלפליין, וואס וועט ארויסהעלפן דורכאויס די פראצעדור.

## 3) **פארבינדט אייך מיט אייער פראפערטי מענעדזשמענט אפיס**

איינוואוינער קענען אויך אנרופן זייער פראפערטי מענעדזשמענט אפיס (Property Management Office) צו פארלאנגען א פאפירענע צייטווייליגע ריסערטיפיקאציע אפליקאציע.

איר קענט צולייגן שטיצנדע דאקומענטן צו אייער פאפירענע אפליקאציע אדער נעמען א בילד/אפלאודן/סקענען סיי וועלכע דאקומענטן און עס שיקן אין א אימעיל צו אייער פראפערטי מענעדזשמענט אפיס.

איינמאל איר האט פארענדיגט און אריינגעשיקט די אפליקאציע, וועט אייער פראפערטי מענעדזשמענט אפיס זיך פארבינדן מיט אייך צו **זעלבסט-סערטיפיי'ען.**

פאר אייער באקוועמליכקייט האבן מיר איבערגעזעצט די אפליקאציע אין 13 פארשידענע שפראכן.

**__ווען וועט די רענט רעדוקציע אריינגיין אין קראפט?__**

אייער רענט וועט ווערן עדזשאסטעד אין די מאנאט נאך וואס איר האט אריינגעגעבן די אפליקאציע. סיי וועלכע רענט עדזשאסטמענטס וואס גייט נישט תיכף אריין אין קראפט וועט ווערן צוריקגערעכנט צו די ערשטע טאג אין די מאנאט נאך וואס איר האט אריינגעגעבן די ציטווייליגע ריסערטיפיקאציע פארלאנג.

אויב זעט איר נישט גלייך קיין טויש אין אייער רענט, **וועט** NYCHA **אננעמען טיילווייזע רענט צאלונגען ביז די אפליקאציע ווערט פראצעסירט.**

א דאנק אייך פאר אייער מיטארבעט בשעת מיר פרובירן צוזאמען דורכצוגיין די שווערע צייטן.

מיט אכט,

Greg Russ
פארזיצער און הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער

Vito Mustaciuolo
אלגעמיינער פארוואלטער